בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת וארא תשפ"ב
ס"ג מאמר ב'

יו"ל פר' וארא תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

**© כל הזכויות שמורות**
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (ז, ח-ט) 'ויאמר ה' אל משה ואל אהרן לאמר, כי ידבר אליכם פרעה לאמר תנו לכם מופת ואמרת אל אהרן קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין'. די **ספרים** שטעלען זיך שוין אויפ'ן לשון תנו '**לכם**' מופת, דער מופת איז דאך געווען פאר פרעה, און משה און אהרן דארפען נישט האבען קיין מופת, און ס'וואלט געדארפען שטיין תנו '**לי**' מופת. עיין בספה"ק **נועם אלימלך** וויא אזוי ער פארטייטשט דאס.

**און** אין ספה"ק **אוהב ישראל** פון דער הייליגער אפטא רב זי"ע געבט דאס צו פארשטיין, אז ס'שטייט אין פסוק (איכה ג, לה) 'מפי עליון לא תצא הרעות', און אויך דעמאלט ווען מען דארף שטראפען - געוויס אבער פון דער אייבערשטער וואס ער איז הטוב והמטיב פאר זיינע באשעפענישען, קומט ארויס נאר גוטס און גרויסע חסדים, אבער ביי די מקבלים איז דא א ענדערונגען, עס ווענדט זיך אין יעדער פון די מקבלים לויט זייערע מעשים, ווייל ביי איינער וואס איז נישט ראוי ווערט עס ביי איהם איבער געדרייט אויף פארקערט פון גוטס ח"ו. און על דרך משל פון די אויפשיין פון די זון - זריחת השמש, וואס זי איז פון די קליינע משרתים פונעם אייבערשטען, וואס זי שיינט אויף פאר די גאנצע וועלט גלייך אויף גלייך, ס'איז פארהאן זאכען וואס ווערען צוגאנגען פונעם היץ פונעם זין, און ס'איז פארהאנען זאכען וואס ווערען הארטער פונעם חום השמש, און טראצדעם וואס דער זין שיינט פאר אלעמען גלייך, און ס'איז נישט פארהאן אין איהר בכלל קיין ענדערונג, פונדעסטוועגען איז דא א ענדערונג פון די זייט פון די מקבלים. און אזוי איז געווען ביי די מכות וואס איז געווען אין מצרים, אז פאר פרעה און גאנץ מצרים זענען זיי געווען מכות גדולות ונפלאות, אבער די מכות אליינט האבען משפיע געווען גוטס פאר די יודען, און אזוי וויא חז"ל האבען געזאגט (שמו"ר ט, י) אז פון מכת דם זענען די יודען רייך געווארען,

ווייל די מצרים האבען געקויפט פון זיי וואסער צו טרינקען, אויך מכת חושך איז געווען א גרויסער טובה פאר די יודען, אז זיי זאלען קענען זעהן וויא עס ליגט באהאלטען די מטמוניות פון די מצרים, און מן הסתם זענען אלע מכות אליינט געווען גוטס פאר די יודען. און מען מיינט נישט בלויז אויף גוטס פון א גשמיות'דיגע פארמעגען, נאר די אונטערשייד - ההבדלה וההפלאה צווישען די מצרים מיט די יודען בשעת'ן מכות - איז געווען א כח פאר די יודען זיך צו דערהייבען פונעם בהמיות, און הערשען אויף די בהמה'שע יצרים, קענען אויפהייבען אויך די דריי זאכען וואס זענען כבהמה, זיי צו מאכען אזוי וויא מלאכי השרת און אזוי וויא אויווען דערמאנט (בס"ג מאמר א).

**און** דאס איז געווען א גרויסע וואונדער אין פרעה'ס אויגען, ווייל לויט די פארשטאנד פון א גוי, קען ער נישט פארשטיין וויא אזוי איז מעגליך אז דער זעלבע זאך זאל זיין פאר איינער זאל דאס זיין גוט, און פאר דער אנדערע שלעכטס. און נאך א זאך איז געווען א וואונדער אין פרעה'ס אויגען, דאס וואס ער האט געהערט פון משה און אהרן אז דער ווילען פונעם אייבערשטען איז אויס צולייזען די יודען פון מצרים, אט זענען זיי איינגעזינקען אין די געטשקעס פון מצרים, און זיי האבען נאכנישט קיין שום מצוה און זכות, און וואס זענען זיי פארענדערט געווארען - מה נשתנו אלו מאלו [אזוי וויא די מקטרגים האבען געפרעגט בשעת קריעת ים סוף]. און דאס איז וואס שטייט 'כי ידבר אליכם פרעה גו' תנו **לכם** מופת', ד. ה. צו וויסען אויב ס'איז אמת אז **איהר** - **אתם** זענט ראוי אויסגעלייזט צו ווערען, און אויך וועט ער פאדערען א מופת אויב ס'דא רעכט - אמת **בדבריכם** - אז ס'קען זיין איין זאך, וואס פאר איינער איז דאס גוט, און פאר דער אנדערע שלעכט.

**און** דעריבער האט דער אייבערשטער געזאגט '**קח את מטך**' - דעם גרעסטען און הייליגסטען חפץ [איידער מען האט געגעבען דער תורה] - וואס ס'איז געווען אויסגעקריצט אויפדעם דער נאמען פון דער אייבערשטער, '**והשלך אותו לפני פרעה יהי לתנין**', ד. ה. אז

מיט די גאנצע הייליגקייט וואס ס'דא דערין וועט זיך דאס טוישען ביי פרעה און זיינע קנעכט צו א שלאנג - נחש, צוליב די כח הרשעות זייערע. קומט אויס אז דאס איז א צייכען און א מופת אויפ'ן ענדערונג פון איין זאך לויט די מקבלים. און אזוי אויך דאס וואס פרעה האט זיך געוואונדערט צו דען זענען די יודען ראוי אויסגעלייזט צו ווערען, ווייל די יודען זענען די שורש און די מקור הטוב, נאר וויבאלד זיי זענען געווען צווישען די מצריים און אונטער זייער שעבוד וואס דאס איז א בחינה פונעם רע הגמור, האבען זיי באקומען אן השפעה פון זיי, אבער נישט מצד זייער טבע און נאטור, און באמת ווען די יודען וועלען ווערען אויסגעלייזט פון זיי, וועלען זיי אוועקווארפען פון זיך דער גאנצע שלעכטסקייט, און זיי וועלען זיך מטהר זיין און הייליגען כדרכם הטוב, און דעריבער זענען זיי ראוי אויסגעלייזט צו ווערען.

**שטייט** אין די גמרא (פסחים נג:) 'מה ראו חנניה מישאל ועזריה שמסרו עצמן על קדושת השם לכבשן האש, נשאו קל וחומר בעצמן מצפרדעים, ומה צפרדעים שאין מצווין על קדושת השם כתיב בהו (ז, כח) 'ועלו ובאו בביתך וגו' ובתנוריך ובמשארותיך' - אימתי משארות מצויות אצל תנור הוי אומר בשעה שהתנור חם, אנו שמצווין על קדושת השם על אחת כמה וכמה'. פרעגען די **מפרשים** וואס חז"ל זאגען 'ומה צפרדעים שאין מצווין על קדושת השם', מ'האט דאך זיי זיי באפוילען 'ועלו ובאו וגו' ובתנוריך', און אויב אזוי וואס איז די ק"ו [און מ'קען נישט ענטפערען אז די פשט דערפון איז אז וויבאלד זיי זענען בעלי חיים זענען זיי נישט מצווה, ווייל ס'איז דאך א כל שכן אז זיי וועלען טוהן רצון קונם - ווייל זיי האבען דאך נישט קיין יצר הרע, און אויב אזוי וואס איז דער כוונה וואס חז"ל זאגען אז זיי זענען נישט מצווין].

**האט** דער **אמרי אמת זי"ע** געענטפערט אז ביי די ציווי שטייט נישט אפען אז זיי דארפען אריינגיין אין א הייסע אויבן, און כדי מקיים צו זיין דאס וואס מ'האט זיי באפוילען, האבען זיי געקענט אריינגיין אין די אויבנע'ס ווען זיי זענען קאלט [און אפילו אויב די כוונה פון די תורה איז אויף די אויבנע'ס וואס איז געמאכט געווארען אנצווארעמען די הייזער, לויט'ן חשבון

קומט אויס אז מכת צפרדע איז געווען אין די זומער טעג, און די אויבנע'ס זענען נישט געווען הייס], נאר די צפרדעים האבען פארשטאנען דעם רצון ה', און פון זייער אייגענע פארשטאנד האבען זיי געדרשנ'ט 'ובתנוריך ובמשארותיך - אימתי משארות מצויות אצל תנור הוי אומר בשעה שהתנור חם', און דאס האבען חנניה מישאל ועזריה זיך אויסגעלערנט פון זיי מיט א קל וחומר, אז אויב די בעלי חיים קענען פארשטיין דעם רצון ה' אז זיי דארפען זיך מוסר נפש זיין און אריינגיין אין א הייסע אויבן [און ענדליך צו די 'דשאים' - וואס זיי האבען געמאכט א ק"ו בעצמם און האבען פארשטאנען דעם רצון ה'], איז געוויס אוודאי אונז - בשר ודם, וואס דער אייבערשטער פאדערט און וויל פון אונז אסאך מער, דארפען מיר האבען דעם כח זיך מוסר נפש צו זיין אויך אויפדעם וואס מען איז נישט מחויב מעיקר הדין (עי' אמרי אמת תרצ"א ד"ה איתא בגמ', ותרצ"ה ד"ה איתא, ולקוטי יהודה עה"פ ולא שמעו אל משה ועה"פ ועלו ובאו).

**און** אט שטייט אין די גמרא (נדרים ח: ע"ז ג:) אין גיהנם לעתיד לבא, אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה ומקדיר, רשעים נידונין בה וצדיקים מתרפאין בה, רשעים נידונין בה דכתיב (מלאכי ג, יט) 'כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עושה רשעה קש וְלִהַט אותם היום הבא' וגו', וצדיקים מתרפאין בה דכתיב (שם, כ) 'וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה'. לכאורה דארף מען דאס צו פארשטיין, ווייל אין די פסוק וואס רעדט זיך פון די רשעים שטייט '**כתנור**', און נאר ביי די צדיקים שטייט '**שמש**'. נאר די **מהרש"א** (ע"ז שם) געבט צו פארשטיין אז ס'דא א צוגלייך - דמיון צווישען 'תנור' מיט 'חמה', ווייל אזוי וויא דער זון - חמה אין איהר נאטור איז הייס, אבער פונדעסטוועגען לויט די נאטור פון דער מקבל וואס טוישט זיך, וועט זיך איהר פעולה אויך טוישען, ווייל זאלץ - מלח ווערט פארגליווערט - נקרש, און וואקס - שעוה צוגייט - נמס, אזוי אויך דער אויבן - התנור די עיקר נוץ אירע איז לטובת האדם צו באקען אין איר ברויט, אבער מ'קען אויך קאליע צו מאכען און פארברענען אין די פייער פונעם אויבן פארשידענע זאכען, אזוי וויא שטרוי וואס ווערט

צופלאקערט אינעם היץ פונעם אויבן, ס'וועט זיך לויט די נאטור פון די מקבלים. אזוי וועט אויך זיין לעתיד לבא, ווייל מפי עליון לא תצא הרעות והטוב, און ס'וועט זיך נישט טוישען פעולתו ית' נאר לויט די מקבלים, רשעים נידונין בה - אזוי וויא שטרוי וואס צו פלאקערט זיך אינעם היץ פונעם אויבן, און צדיקים מתרפאין בה - שמש צדקה ומרפא.

**און** מיר דארפען זיך פארטיפען דערין, בהקדם דאס וואס דער משגיח הגה"ח **רבי גד'ל אייזנר זצ"ל** פלעגט שילדערין פאר די בחורים במתק לשונו וואס איז דאס **'גן עדן'** און **'גיהנם'** [ווייל ס'שטייט אז עס איז נאר דא א 'חוט השערה' צווישען זיי (עי' קה"ר ז, כב וילקוט שם רמז תתקעו, וילקוט ראובני פר' האזינו וערך גן עדן)], האט ער געזאגט אז אין הימעל וועט מען אלעמען אוועק זעצען אין א בית המדרש אנגעפילט מיט ספרים, און מ'וועט אלעמען הייסען זיצען און לערנען, פאר די תלמידי חכמים וועט דאס זיין א שמחה גדולה עד אין לשער, ווייל לעתיד לבוא וועט בכלל נישט זיין קיין מניעות און שטערונגען, ווייל דארט איז נישט דא לא אכילה ולא שתיה [און אזוי וויא דער **רמב"ם** שרייבט (פי"ב מהל' מלכים ה"ה) 'כל המעדנים מצויין כעפר', און דאס איז נישט וויבאלד אז ס'וועט דארט זיין אסאך מעדנים, נאר צוליב דעם אז קיינער וועט דאס נישט גליסטען (עי"ש ביד המלך ואור שמח)], אבער דער וואס אויף די וועלט האט נישט געלערנט תורה אזוי וויא עס דארף צו זיין מיט א חשק און א רצון, איז אין לך גיהנם גדול מזה, ווייל דארט וועט נישט זיין קיין שום אנדערע געשעפטען כדי צו פארברענגען די צייט, און וויא לאנג קען ער שוין זיצען נעבען די גמרא (ועי' בעש"ט עה"ת פר' בראשית אות פא).

**און** ס'ליגט אין דעם א טיפקייט, ווייל דער גאנצער גן עדן איז דאך להתענג על ה' און האבען א נאשאפט צום אייבערשטען, און דער וואס אויף די וועלט האט נישט געזיכט און משתוקק געווען צו דערגרייכען נענטער צו ווערען צום אייבערשטען, נאר ח"ו ער האט געזיכט דעם פארקערטען פון דעם, און ער האט אויסגענוצט דעם כח הרצון און חמדה צו גליסטען גשמיות'דיגע תאוות, און ער האט זיך באנוצט מיט'ן כח אהבה צו אהבת

הבבלי עולם הזה, ער וועט בכלל נישט אויסגעהיילט ווערן לעתיד לבוא ווען דער אייבערשטער וועט ארויס נעמען דעם זין פון איהר האלטער - כשיוציא חמה מנרתיקה, ווייל וואס האט ער מיט דביקות אין אייבערשטען, און ביי איהם וועט דאס נאר זיין אזוי וויא די פייער פונעם אויבן וואס פארברענט, ווייל ער האט נישט קיין כלי קיבול זיך צו דערנענטערען און מתענג זיין על ה', ווייל אלעס ווענדט זיך לויט וואס דער מענטש האט זיך אויסגעלויטערט און אויסגעאיידילט דעם 'חומר העב' ווען ער איז געווען דא אויף די וועלט.

**יעדער** מענטש איז אזוי וויא א טייג - עיסה וואס ווערט געבאקען אין אויבן, און אזוי וויא חז"ל זאגען אז אדם הראשון איז געווען חלתו של עולם (ב"ר ד, א), און דערפאר איז געגעבען געווארען די מצוה פון חלה פאר'ן אשה ווייל זי האט קאליע געמאכט אדם הראשון וואס ער איז געווען גמר חלתו של עולם (ב"ר יז, ח), און אזוי אויך זאגען חז"ל (ברכות יז.) אז דער יצר הרע וואס איז דא אינעם מענטש איז אזוי וויא א שאור שבעיסה, און דער מענטש דארף אכטונג געבען אז די אויבן זאל נישט פארברענען און קאליע מאכען דעם טייג - עיסה, נישט לאזען דעם יצר הרע וואס איז דא אין אונזער הערצער זויער מאכען דעם טייג - עיסה, און זיך נישט באנוצען מיט'ן כח פונעם רצון און אהבה פאר פרעמדע תאוות און חמדות, נאר אויסנוצען דעם כח הרצון און די תשוקה צו כיסופין זיך צו דערנענטערען צום אייבערשטען.

**און** דער וועג וויא אזוי אכטונג צו געבען אז דער טייג זאל נישט זויער ווערען, און איהר נישט צו פארברענען אינעם ברענער'דיגע אויבן פון די פרעמדע תאוות, איז דאס וואס מען דארף זיך אפ לערנען פון די צפרדעים - צפור דעה (ילקוט רמז קפב), וואס זיי האבען פארשטאנען דעם רצון ה' אויך אינדעם וואס מ'האט נישט געהייסען קלאר, און זיי האבען גוט געדרש'נט 'אימתי משארות מצויות אצל תנור הוי אומר בשעה שהתנור חם', און זיי האבען זיך מוסר נפש געווען. אזוי אויך יעדער יוד, געוויס איז דא זאכען וואס ס'שטייט נישט אפען אז ס'איז אסור, און אזוי אויך איז דא דברי היתר, אבער פונדעסטוועגען דארף זיך דער מענטש ערוועקען מיט א אינערליכען

התעוררות, און ער דארף זיך פרעגען: וואס וויל דער אייבערשטער? מיר ווילען דאך טוהן זיין רצון און מיר ווילען האבען זיין נאנשאפט, און דאס איז נישט מעגליך אויב מען לייגט אריין דעם כח פונעם רצון און פון די חמדה אין די הבלי העולם הזה, נאר מען דארף טוהן דעם רצון ה' און זיך היילגען אויך אין די דברי הרשות.

**און** דער **אמרי אמת** (תרצ"א סוד"ה איתא בגמרא) טייטשט דער פסוק (ח, ב) 'ותעל הצפרדע ותכס את ארץ מצרים', אויסער דעם פשט אז גאנץ ארץ מצרים איז פארדעקט געווארען מיט צפרדעים, מיינט דאס אויך אז זיי האבען אינגאנצען פארדעקט דעם טומאת מצרים, ווייל טומאת מצרים איז געווען ערות הארץ - אלע זענען געווען לקוי מיט געמיינע עבירות, און די צפרדעים האבען פארדעקט פאר די יודען דעם טומאת ערות הארץ, דורכדכם וואס זיי האבען אונז אוסגעלערנט זיך מוסר נפש זיין אויך אויף וואס מען איז נישט באפוילען געווארען דערויף קלאר און אפען, ווייל דער לימוד פון די צפרדעים איז צו פארשטיין דעם רצון פונעם רבונו של עולם אויך אויף דאס וואס איז געזאגט געווארען צווישען די שורות, עד כדי אז מען איז גרייט זיך מוסר נפש זיין דערויף.

**און** 'מסירות נפש' איז נישט דווקא בשעת ווען א גוי שטייט אויפ'ן קאפ פון א יוד מיט א אויסגעשטרעקטען שווערד און ער באפעלט איהם ער זאל דינען עבודה זרה, נאר ס'איז מעגליך זיך מוסר נפש זיין פאר'ן רבונו של עולם צוביסליכווייז במשך דעם גאנצען לעבען, ווייל 'נפש' איז דער 'רצון', און יעדער מאהל וואס מען געבט אוועק דעם רצון פאר'ן אייבערשטען, און מען געבט נאכאמאהל אוועק דעם רצון, איז דאס מסירת נפש. און דאס איז געוונצליך אסאך שווערער פון מסירת נפש וואס א מענטש איז זיך מוסר נפש אויף איינמאהל, ווייל דער מענטש שפירט דעמאלט נישט אז ער האט געמאכט עפעס א מעשה פון מסירות נפש, אבער מען דארף צו וויסען אז געוויס טאקע איז דאס נאר א מסירות נפש פון פרוטות, אבער פרוטה לפרוטה מצטרפת, און פון אלע מאהל וואס ער האט זיך באהערשט און זיך מתגבר געווען און איבער געגעבען זיינע רצונות פאר'ן רצון ה', ווערט

צוזאמען גענומען אסאך מעשים פון מסירת נפש, און אזוי איז דער וועג אין עבודת ה' - דורך אסאך התגברויות פון נאך א מעשה און נאך א מעשה [און אזוי וויא דער טשעבינער ראש ישיבה הגרב"ש שניאורסון זצ"ל האט געטייטשט דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא (ב"ב ז:) 'אספרם מחול ירבון' (תהלים קלט, יח) - 'הכי קאמר אספרם למעשיהם של צדיקים מחול ירבון, וק"ו ומה חול שמועט מגין על הים, מעשיהם של צדיקים שהם מרובים לא כל שכן שמגינים עליהם', אז אזוי וויא א 'גרגיר עפר' פאר זיך שפירט מען נישט איהר ווערד און איהר חשיבות, אבער אלע צוזאמען שטייען וויא א פעסטע מויער קעגען די שטארקע כוואליעס, אזוי אויך נעמען זיך צונויף אלע התגברויות], ווייל דורכדעם געבט דער מענטש אוועק אין אלגעמיין אלע זיינע רצונות און זיין גאנצע נפש צום רבונו של עולם.

**און** מיר האבען שוין געזאגט פשט (ס"ג אח"ק תשפ"א מאמר ב) אויפ'ן לשון פון חז"ל (מכות כג:) 'עריות שנפשו של אדם מתאוה להן ומחמדתן', ס'שטייט נישט 'חומדתן' - וואס איז משמע אז דער מענטש אליינט גליסט דאס, נאר ס'שטייט 'מחמדתן' [און ס'דא א גירסא 'מתחמדתן']. און דער באדייט דערפון איז, ווייל אין אמת'ן אריין גליסט דער נפש פונעם מענטש און איז משתוקק און חומד בכלל אנדערע זאכען, דער נפש וויל זי זאל האבען א דיבוק נפלא צום רבונו של עולם, דאס איז איהר ווילען און דערויף גליסט זי - און פונדעם איז זי געבויט, דאס איז וואס זי וויל באמת. אבער 'מחמדתן' - די שאור שבעיסה פארקרימט דעם אמת'ע רצון פון א יודישע זעהל, מיט דעם וואס זי ברענגט איהר צו גליסטען די גשמיות'דיגע וועלט און עבירות, אבער דאס איז נישט דער אמת'ע רצון פונעם מענטש, נאר ס'איז פרקרימט און פארדרייט. און ס'ליגט אין יעדעם איינער'ס הענט די מעגליכקייט אויפצובינדען דעם קניפ, און פארדעקען דאס ארץ מצרים, זיך צו ערוועקען צו וועלען דעם רצון פונעם אייבערשטען, צו פארשטיין זיין רצון אויך אין די זאכען וואס ער האט נישט געהייסען קלאר און דייטליך.

**דער** **שפת אמת זי"ע** האט געזאגט אז דאס וואס שטייט אין פסוק (ח, י)

**'ותבאש הארץ'**, גייט ארויף אויף די יודען, וואס זיי האבען אנערקענט די שלעכטס און ס'איז נמאס געווארען איין זייערע אויגען, די תאוות פון מצרים איז זיי ארויף געגאנגען אין די נאז לעכער אלטס א שלעכטע ריח, זיי האבען דאס נישט געקענט פארטראגען און זיי זענען אוועק געלאפען פון די שלעכטס (עי' אמרי אמת הנ"ל). און אזוי וויא עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די בני היכלא פון קאצק [רבי יעקב מליטומירסק] אז צוליב זיינע געשעפטען האט ער געדארפען פארעהן קיין פראנקרייך - וואס אין יענע צייטען איז דאס געווען א אויפגעקלערטע שטאט און פאראויס געשניטען אין די טעכנעלוגי'שע זאכען פון יענער צייטען אזוי וויא לעקטער א. ד. ג., אסאך מער וויא אין פולין, און ווען ער פלעגט צוריק געקומען פון דארט, פלעגט ער פארציילען פאר די חסידים אין בית המדרש די חידושים וואס ער האט דארט געזעהן. און ווען דער **קאצקער רבי זי"ע** האט געהערט דערפון, האט ער איהם געזאגט: יענקל יענקל עס גייט ארויף א שטינק - סרחון פון די פארפוילטקייט פון פארפוילטע מערב, די ריח וואס גייט ארויף פון צרפת - וואס איז געווען ערות הארץ און ס'האט דארט געהערשט טומאת ארץ מצרים פון יענער צייטען. און נאכדעם וואס דער חסיד האט דאס געהערט פון זיין רבי'ן, האט ער געמיזט אויף הערען דארט צו פארען, ווייל יעדער מאהל וואס ער איז אהין געפארען, האט ער געשפירט א סרחון און ס'איז איהם נישט גוט געווארען פון די שלעכטע ריח וואס גייט ארויף פון דארט (ראה בית קוצק עמ' כט).

**געוויס** טאקע כדי צו צוקומען צו אזיין דרגה, דארף מען האבען א 'זאגער' וויא דער קאצקער רבי זי"ע, און א 'אוזן שומעת' וואס זאל הערען און דערהערען דעם געשריי פונעם קאצק'ן רבי'ן זי"ע, עד כדי אז ס'זאל ווערען פארשטינקען אין זיינע אויגען. און געוויס איז דאס א הויכע מדרגה צו צוקומען עד כדי אז ס'זאל זיין 'ותבאש הארץ', און מ'דארף ארבעטען דערויף, אבער על כל פנים ס'זאל אביסעל זיין 'ותכס את ארץ מצרים', נישט מערען צו וועלען און צו גליסטען צו די גליסטונגען פונעם עולם הזה, נאר

געדענקען אז די זעהל פונעם מענטש וויל און גליסט צו קדושה, און דער רצון פונעם נפש פונעם מענטש איז זיך מדבק צו דער וואס האט איהר באשאפען.

**און** יעדער איינער האט דער מעגליכקייט אויף צו ווארעמען די אויבן מיט א ווארימקייט צו קדושה, ווייל ס'שטייט אין די גמרא (שבת מא.) 'פתחו פומייכו [רש"י - ויכנס הבל בית המרחץ לתוך הגוף] ואפיקו הבלא [ויוצא הבל של זיעה], דאמר שמואל הבלא מפיק הבלא', טאקע לויט פשוטם של דברים איז דאס א גשמיות'דיגע עצה פאר דאס געזונט פון די גוף, אבער מ'קען זאגען על דרך העבודה, אז שמואל בשעת ער איז געגאנגען צום מרחץ זיך מטהר זיין, האט ער געזאגט הבלא מפיק הבלא, פתחו פומייכו - עס פאדערט זיך פון א מענטש צו עפענען זיין מויל מיט א הבל פה פון תפלה, און א הבל פה פון תורה, אז די תורה און תפלה זאלען זיין מיט א ווארימקייט און א רצון, און אויב דער אויבן איז גוט אנגעהייצט, דעמאלט איז 'הבלא מפיק הבלא', די ווארימקייט פון די קדושה ברענגט צו דער מענטש צו א געפיהל אז ער זאל פארשטיין און שפירען אז אלע גליסטונגען און גשמיות'דיגע תאוות זענען 'הבלא' - הבל הבלים, און דער הבל פון קדושה קען אוועק נעמען און ארויס נעמען די הבלא פון די תאוות עוה"ז, און צו צוקומען צו די ריכטיגע תכלית.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מ'זאל שטענדיג האבען די גוטע רצונות, און מיר זאלען זוכה זיין נאכגעצויגען ווערען נאכען אייבערשטען, און טוהן זיין רצון.